בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
**ס"ט**

**מיוחד!**
**סיפור נס הצלה מהקומינסטען**
מפי ר' לוי יצחק ור' אליהו חיים ז"ל

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור


כשדן את חברו לכף זכות מעלה אותו לידי זכות.....1
דער גרויסער נס הצלה פון דער קאמוניסטישער תפיסה...2
די רייזע קיין קיעוו ...................................2
מען רופט אונזערע נעמען..................................4
איר זענט באפרייט!! ......................................5
והעיר אומאן צהלה ושמחה ...............................6
זכרו נפלאותיו אשר עשה ..................................7
דער גרויסער נס - מען האט נישט אנגענומען די פאפירן אין אומאן ........................................7
די מתנגדים האבן מודה געווען - עס איז נישט קיין מענטשליכער כח ........................................9
די אמונה האלט דעם מענטשן ביים לעבן.............10
די ווארענונג נישט אהיים צו קומען .................11
די גרויסקייט פון מקוה אום ראש חודש ..............12
לבוא בזמן שלא יצטרכו לדלג בשביל תפילה בציבור......13
נישט טשעפען קיין סעיף קטן אין שולחן ערוך .....14
דעם רבי'נס זאך איז תפילה ..............................15
ביי חצות הויבט שוין אן צו שיינען די הארה פון תפילה ..........................................................16

הרב החסיד ר' אליהו חיים רויזן ז"ל

די השתלשלות ביז'ן באפרייאונג..........................17
די אויספארשונגען ...........................................18
דאס אידישע פינטל האט זיך ערוועקט...................18
באפרייט פון תפיסה ..........................................19
דער נס פון דער נסיעה קיין ארץ ישראל ...........20
אין דער תפיסה אין אומאן................................21
די "עבירות" צוליב וואס מען האט אונז ארעסטירט........21
די ברוטאלע פארשונגען אין אומאן.......................22
געפארשט די "עבירה" פון שפייזן הונגעריגע אידן ......23
דעם גוי'ס עצה.................................................24
אן הכנה צו ארץ ישראל.........................................26


להאזנה אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

ארה"ב: **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

אירופה: **033-03900485** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

**לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 69**


©

כל הזכויות שמורות


**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:**


יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443** (מארה"ק: **072-257-3456**)


לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@gmail.com**

כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של 15$ עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס' **347-232-7166 (1+)**

# פרשת ויקהל-פקודי, שנת תשל"ה

## ובו סיפור נס הצלה ממות לחיים מידי הקאמוניסטען

(טייפ מס' 75#)

## כשדן את חברו לכף זכות מעלה אותו לידי זכות

דער רבי זאגט דא[א'], אז מען איז יענעם דן לכף זכות ביסטו אים באמת מעלה, דו נעמסט אים ארויס מכף חוב לכף זכות אז ער קען טאן תשובה אויף דעם; (דער רבי שרייבט) א געוואלדיגן לשון, אז איך בין יענעם דן לכף זכות נעם איך אים ארויס פון כף חוב, איך נעם אים אריין לכף זכות, ממילא קען ער תשובה טאן. איך דארף זוכן און געפינען - (בו, איזה מעט טוב), אפילו איך זעה נישט דעם טוב, (דארף מען) זוכן, אפשר האט ער עפעס אין זיך א זכות.

אט[ב'] טאקע דער דאזיגער, דער וואס האט אונז באפרייט, מיך מיט אלי' חיים'ען (רויזן), דאס איז געווען גאר עפעס א זאך, וואס עס איז נישט (שייך) אויסצומאלן, ער איז געווען א קאמוניסט (המושל) אויף גאנץ אוקריינע, און איז געווען אן איידים ביי א ברסלב'ער חסיד, האט דער שווער געקלאגט און געוויינט אז ער האט אן איידים א קאמוניסט, האט ער אים אזוי געזאגט: "הער זיך איין שווער, עס איז דאך א פארפאלענע זאך (דאס וואס איך בין א קאמוניסט, אבער) טאמער עס וועט זיך אריינפאקן צו מיר א ברסלב'ער חסיד, וועל איך אים א טובה טאן"!

---

[א'] ליקוטי מוהר"ן, תורה רפ"ב: דַּע כִּי צָרִיךְ לָדוּן אֶת כָּל אָדָם לְכַף זְכוּת, וַאֲפִלּוּ מִי שֶׁהוּא רָשָׁע גָּמוּר, צָרִיךְ לְחַפֵּשׂ וְלִמְצֹא בּוֹ אֵיזֶה מְעַט טוֹב, שֶׁבְּאוֹתוֹ הַמְּעַט אֵינוֹ רָשָׁע, וְעַל יְדֵי זֶה שֶׁמּוֹצֵא בּוֹ מְעַט טוֹב, וְדָן אוֹתוֹ לְכַף זְכוּת, עַל יְדֵי זֶה מַעֲלֶה אוֹתוֹ בֶּאֱמֶת לְכַף זְכוּת, וְיוּכַל לַהֲשִׁיבוֹ בִּתְשׁוּבָה.

[ב'] הגיע לידינו טייפ של ר' אליהו חיים רויזן שמספר עוד פרטים מהסיפור הזה, והעתקנו אותה לקמן בסוף הקונטרס, עיי"ש. ועיין עוד בספר 'איש חסידיך' פרק י"ח, מן עמוד קמ"ג.

# דער גרויסער נס הצלה פון דער קאמוניסטישער תפיסה

און דאס האט דער אויבערשטער צוגעפירט, אז מיר האבן זיך אריינגעפאקט צו דעם איינעם. און דאס איז אויך געווען א געוואלדיגער נס, אין אוקריינע זענען דא הונדערטער שטעט, אוקריינע איז גרעסער ווי גאנץ פוילן, אין אוקריינא זענען דא מער ווי זעכציג מיליאן מענטשן[ג], (עס איז) גרעסער ווי גאנץ פוילן. פון אלע שטעט קומען אן יעדן טאג טויזנטער בריוו (להמושל הנ"ל) און ער קען אפילו נישט קוקן דערויף, א חותם צוריק געקלאפט און שוין פארטיג (מה משפטו אם למות או להמשיך המשפט..). עס זענען אנגעקומען (בריוון אויך) פון אומאן, עס איז אנגעקומען דארטן א פאק מיט בריוו פון גאנץ אוקריינע. עס ליגן דארטן טויזענטער תיקים (קעיסעס) פאקט ער זיך דעם תיק (קעיס) פון ברסלב, תיק ברסלב! 'סעקציע ברסלב', סעקציע הייסט א מין 'אנפאל' פון ברסלב'ער חסידים, (וואס זיי) ווילן אנמאכן אין רוסלאנד א סעקציע, גיט ער א זאג דארטן: רופט ארויף די מענטשן!

(ר' משה בינענשטאק: איר זענט שוין געווען אין קיעוו דעמאלט?) ניין, אין אומאן (רמ"ב: אה, דאס איז אלץ געווען אין אומאן!) אומאן.

מיך האט מען געענדיגט דאס אויספרעגן אין אומאן, און עס דארף (אין געוויינטליכע צייטן) אוועקגיין חדשים'ווייז ביז עס וועט אנקומען אן ענטפער פון דארטן (מהמושל הנ"ל), וואס מען האט דארטן געזאגט אויף אונז (הפסק שלנו), מאנטאג אויף דער נאכט האט זיך געענדיגט דאס אויספארשן ביי אונז, און מיטוואך אויף דער נאכט רופט מען אונז ארויס, מען שיקט אונז קיין קיעוו.

## די רייזע קיין קיעוו

און ער איז אנגעקומען, ער האט א קוק געגעבן 'סעקציע ברסלב'?! (האט ער געזאגט): 'רופט זיי ארויס, איך וויל זיי זעהן, ווער זיי זענען', און מיטוואך ביינאכט זענען מיר ארויסגעפארן, און דאנערשטאג אינדערפרי זענען מיר אנגעקומען קיין קיעוו, מען האט אונז געפירט אזוי ווי מען פירט מענטשן אויף רח"ל (צו הרג'ענען), און ער (האנשים שליווי

---

[ג] כן היה המספר בימים ההם.

אותם) האט אונז אנגעזאגט, אייער וועג איז דא, טאמער וועט איר געבן א ריר דעם פוס, איז באלד שיסט מען דיך! נאר געבן א ריר דעם פוס אויף א האר.

(ער האט געזאגט) דא גייט, עס מעגן פארן פירן (וועגענער), עס איז נישט אייער עסק, איר זאלט זיך נישט רירן. מיר האבן געזעהן אויף וואס מען פירט אונז (ה"י), מיר זענען געקומען אין (דער) באן אריין, ארום און ארום שטייען די חברה. מיר קומען אן קיין קיעוו, מען פירט אונז צו א תפיסה, א פעסטונג. ער נעמט אריין די פאפירן (און) ער ענטפערט דארטן אז זיי קערן (באלאנגען) נישט דא, זיי קערן נישט דא, און מען פירט אונז אוועק אין אן אנדערע תפיסה, דארטן האט ער א תפיסה - דארטן גייט מען אונטער דער ערד און מען ווייס נישט צו עס איז טאג צו עס איז נאכט!

(ביי) דער ערשטער תפיסה ענטפערן זיי, זיי קערן נישט צו אונז, רבוש"ע - מען דארף אויסבויען פאר אונז א תפיסה, די אלע תפיסות קערן נישט צו אונז, קלינגט ער (האיש שלקח אותם - רל"י ורא"ח) אן צו זיי דארטן (להמושל, זאגט ער) וואס זאל איך טאן - וואו איך קום - ענטפערט מען אז זיי קערן נישט צו אונז. זאגט ער (המושל) ברענגט זיי צו מיר, צו אים אליין. דארטן (בהרכב על הדרך להמושל) האט מען אונז אריינגעווארפן אין אזא מין קאסטן וואס דארטן ווארפט מען אריין הינט, דער קאפ שטעקט זיך אריין, אזוי ווי מען ווארפט אריין הינט. אין אזא קאסטן האט מען אונז אריינגעווארפן, און מען האט אונז אוועקגעפירט דארטן און דאס איז געווען א פעסטונג פון (צאר) ניקאליי'ען - - (רמ"ב: מיט אזא קאסטן האט מען אייך געפירט?) יא יא.

און מיר שטייען שוין דארטן, (און ער זאגט אונז) 'גייט ארויס', דער מזכיר דארטן, ער גיט א שמייכל, נו מיר ווייסן זייער שמייכל, זיי קענען אלצדינג (זאגט ער) 'איר זאלט איינער נישט רעדן מיט'ן צווייטן!'. שוין, עס איז געווען צוויי אזייגער מיטאג, עס איז דריי אזייגער מיטאג, 4, 5, 6, 7, 8, און מען פרעגט אונז נאך גארנישט, זי (מיין אידענע) ע"ה איז אויך געפארן, האבן זיי געבראכט דארטן עפעס צו עסן פאר אונז, איז ער צוגעקומען (און געזאגט): 'מען האט דיר געבראכט עפעס צו עסן', (זאגן מיר אים) 'אונז פעלט נישט קיין עסן', מיר האבן געהאלטן ביי אזא מין מצב אז אונז פעלט נישט קיין עסן! עסן פעלט אונז?! ווער ווייס וואס מיט אונז וועט זיין, דארפן מיר האבן עסן?!

# מען רופט אונזערע נעמען

צען אזייגער ביינאכט קומט ארוים איינער (און פרעגט:) 'ווער איז רויזן, ווער איז בענדער?' פריער (האט מען) אליהו חיים'ען עפעס א שעה צייט פארדרייט דעם קאפ (בחקירות). (נאך דעם) רופט מען מיך. איך קום אריין דארטן, עס איז א לאנגער רויטער טיש, רויט, א רויטער טיש לאנג אזוי ווי א גאס, און דארטן זיצט איינער מיט א פנים ווי א גזלן, ווי א רוצח זעהט ער אויס, א מערדערישער פנים. זאגט ער מיר: 'וואס ווילסטו עפעס זאגן?' אזוי זאגט ער מיר אויף רוסיש. זאג איך אים: איך בעט אייך זייער איר זאלט רעדן מיט מיר אידיש, ווייל דורך רוסיש וועל איך זיך נישט אויסרעדן פאר אייך גוט. ענטפערט ער מיר אויף אידיש: 'איך קען דאך נישט רעדן קיין אידיש', זאג איך אים: 'איר קענט דאך אידיש בעסער ווי איך רוסיש', נישט מער (און נישט ווייניגער) רופט ער זיך אן צו מיר: 'זעצט אייך דא נעבן אונז'. ער נעמט דעם גאנצן תיק (קעים), א תיק (קעים) פון פופצן וואכן, געריבן און געריבן, געריבן (היו באומאן בבית הכלא 15 שבועות וכל הזמן היו חקירות וחקירות).

(ער רופט זיך אן:) 'וואס וועסטו זאגן צו מיר עפעס? דא האסטו עפעס א שטיקל לקאך' פיין, פריער איז א מערדער - יעצט א שטיקל לקח... מיר קענען זיי די רוסן, אט איז ער (פריינדליך און גיט) א שטיקל לקח - אט איז ער א מערדער א גזלן, אט איז ער (ווייטער) גוט, און ווייטער א מערדער. זייער ארבעט קענען מיר שוין גוט. (זאג איך אים:) 'איך וואלט אייך געוואלט בעטן איר זאלט זעהן עס זאל נישט פארגאסן ווערן קיין אומשולדיגע בלוט'. זאגט ער: 'איך וועל זעהן, איך וועל זעהן, אבער וואס ווילסטו עפעס זאגן? דו פילסט זיך גארנישט קיין חייב? האסט דאך דא אינטערגעשריבן??!'

זאג איך אים: 'ווען איר וואלט געווען שטיין און זעהן ווי אזוי מען האט אונז אויסגעפארשט, מיט וואספארא מיני [פחדים וחקירות] און וואס איך האב אונטערגעשריבן האב איך געווים נישט---

(זאגט ער:) 'אזוי? אזוי?! איז וואס ווילט איר? וואס ווילט איר פון מיר?' ער בעט, איך זאל אים זאגן וואס איך וויל! (האב איך אים געענטפערט:) 'איך וואלט געוואלט איר זאלט מיר געבן א - - - באפרייען. זאגט ער: איך וועל אייך באפרייען. שטיי איך אזוי,

איך גלויב זיך נישט! רופט ער זיך אן צו יענעם, 'ער איז ביי זיך אזוי גאר געפאלן (אז) איך וויל אים באפרייען, וויל ער מיר גארנישט גלייבן אז איך וויל אים באפרייען'.

# איר זענט באפרייט!!

(רמ"ב: יענער איז געווען א גוי? ניין, ער) אויך א איד, זאגט ער מיר אזוי: 'איצטער איז דאך שוין שפעט, איך וועל אייך באפרייען, וואו וועסטו נעכטיגן?' דאס ווייס איך שוין, אויב איך וועל אים זאגן וואו, וועט ער שוין יענעם אויך נעמען. זיי קענען די ארבעט - וואו וועסטו נעכטיגן? וועל איך זאגן א שטוב, נעמט מען שוין יענעם אויך, איז שוין יענער אויך פארמישט. ענטפער איך אים: 'איך וועל נעכטיגן ביי דער באן, אין וואג-זאל (באן סטאנציע), דארט וועל איך נעכטיגן' (פרעגט ער:) 'דארט איז דאך קאלט?' רופט ער זיך אן צו יענעם: 'גיב זיי געלט (כדי) זיי זאלן קענען נעמען א צימער צו נעכטיגן'. (און איך שטיי און וואונדער זיך) "וואס רעדט ער דא - עס איז א חלום?!" ער וויל געבן א צימער צו נעכטיגן?! זאגט יענער, 'זאל איך זיי אפגעבן די פאספארטן?' זאגט ער: 'יא, גיב זיי אפ די פאספארטן'. מיר גייען אריין צו אים, מיר שטייען נעבן דעם תיק, מיר אליין נעמען ארויס די ביכלעך, (ער זאגט:) 'נעמט אייך ארויס די פאספארטן'. מיר נעמען אליין ארויס די פאספארטן, און ער גיט אונז דארטן דריי רובל, דריי רובל, ער פירט אונז אראפ אונטן. (דארט) שטייען די מענטשן וועלכע האבן אונז נעכטן געבראכט. זאגט ער צו זיי: 'לאזט ארויס די צוויי מענטשן'. זיי שטייען (פארוואונדערט) 'נעכטן האבן מיר זיי געפירט רח"ל - און היינט גייען זיי ארויס?!' רופן זיי זיך אן צו אים, ווער איז דער - - - 'ווער איז פאראנטווארטליך אויף די רייד?' זאגט ער: 'איך בין פאראנטווארטליך דערויף'. ער עפנט די טיר, און מיר זענען שוין פריי, מיר גייען שוין אינדרויסן.

(רמ"ב: אליך איז געווען אין דעם פעסטונג?) אליך אין דעם פעסטונג.

(השואל: ווער איז געווען מיט אייך?) ר' אליהו חיים רויזן.

(השואל: זיין שווער איז געווען א ברסלב'ער - דער וואס האט אייך באפרייט?) יא, דאס איז געווען דער. (השואל: ער האט דעמאלט דערציילט?) ניין, נישט ער האט דערציילט, מען איז נאך דעם געוואויר געווארן.

# והעיר אומאן צהלה ושמחה

(רמ"ב: ר' אליהו חיים דערציילט, אז ער האט אים געזאגט א תירוץ פארוואס ער וויל נישט זיין אין א שטוב איבערצוועכטיגן, ווייל זיי האבן שוין פופצן וואכן נישט געאטעמט קיין פרישע לופט, דעריבער וויל ער זיך דרייען אינדרויסן, אויף דער גאס) האט ער אונז געזאגט נאך: 'איך וויל מארגן רעדן מיט דיר'. ער האט אונז געגעבן אן ערלויבעניש מיר זאלן קענען צוטרעטן, מען זאל אונז צולאזן צו אים, (און ער זאגט מיר:) איר זעהט דאך שוין אז איר מעגט קומען צו מיר מארגן. שוין, מיר זענען געגאנגען אין א שטוב דארטן, (ביי ר' משה) 'קוליקוב'. פארשטייט זיך, די שמחה וואס עס איז געווארן אין גאנץ אומאן און אין קיעוו, די שמחה (איבער) וואס עס איז געווארן פון אונז, מען האט דאך אלץ גערעכנט רח"ל. (רמ"ב: עס איז געווען א רעש אין קיעוו אויך, מען האט געוואוסט פון דעם?) אוודאי, אלע האבן געוואוסט, אין קיעוו און אין אומאן, די שטאט האט געטאנצט פון שמחה, ס'איז א געוואלדיג געווען! (זה היה ליל ששי). מארגן איז פרייטאג, מיר האבן דאך געפאלגט, מיר זענען געקומען צו אים אזוי ווי ער האט געבעטן. קומט דער דאזיגער - דער מזכיר (סעקרעטאר) זיינער (זאגן מיר אים:) מיר זענען געקומען, דו האסט געבעטן', נו... האט ער אזוי געזאגט (המושל להמזכיר): 'גיי, זאג זיי, איך האב איצטער נישט קיין צייט, נאר גיב זיי טיקעטן פאר דער באן, זיי זאלן קענען פארן קיין אומאן אהיים, זיי האבן דאך נישט קיין געלט'.

האט ער געגעבן א טיקעט אויף פרייטאג צונאכטס, זאג איך יענעם: 'איך וועל נישט פארן אום שבת!'. גייט ער אריין צו אים און זאגט אים: 'זיי ווילן דאך נישט פארן אום שבת!?' זאגט ער: 'נו גיב זיי א טיקעט אויף מארגן ביינאכט, אויף מוצאי שבת. שוין, מיר זענען שוין געווען פריי'.

דאס איז דאך אזא מין זאך, מיר זענען געווען פאר'משפט רח"ל אויף וואס מיר זענען געווען פאר'משפט (און מען) נעמט מענטשן און מען מאכט זיי פריי אין איין רגע.

(השואל אחד מהזקנים: וואס איז געווען די סיבה וואס מען האט אייך איינגעזעצט?) איר ווייסט די רוסישע עבירות? (הנ"ל: יא, איך פארשטיי, אבער וואס האבן זיי געזאגט!) זיי האבן געזאגט אויף אונז ביידע אז מיר האבן ארגאניזירט מענטשן זיי זאלן נישט ארבעטן, זיי זאלן זיך נישט אונטערגעבן צו דעם רוסישן לאסט.

(הנ"ל: ווען איז דאס געווען?) דאס איז געווען אין יאר זעקס און דרייסיג (36' למנינם, שנת תרצ"ו), דעמאלט איז געווען דער ברען (פון קאמוניזם) אין רוסלאנד, וואס רח"ל מען האט גע'הרג'עט און געשאסן מענטשן, עס איז געווען שרעקליך.

דעמאלט איז געווען אזא מין (מהלך) רח"ל (אז) א מענטש איז געווען (ווערד) אזוי ווי א פליג, ווי א פליג האט זיך אנגעזעהן א מענטש, שיסן א מענטש איז געווען אזוי ווי גארנישט, עס האט זיך נישט אנגעזעהן. און דאס האט מען אנגעשריבן רח"ל - - - און דער לאכט זיך אוים און באפרייט אונז, און גיט אונז אפ די פעסער (פאספארטן), און גיט אונז (נאך) אויף הוצאות צו פארן, און מיר זענען שוין פריי!

מוצאי שבת זענען מיר אהיים געפארן קיין אומאן, שבת האבן מיר געהאלטן אין קיעוו, ביי קוליקוב (ר' משה קוליקוב).

(רמ"ב: וואו האט איר געדאוונט, אין שוהל, אדער?) ביי קוליקוב, דארטן אין קיעוו, (ער איז) א נייער מקורב געווען.

## זכרו נפלאותיו אשר עשה

אזעלכע נפלאות האט דער אויבערשטער געטאן, (אויף דעם) זאגן מיר[ד]: 'זכרו נפלאותיו אשר עשה!' געדענקט די נפלאות! פון דעם יאר זעקס און דרייסיג (36' למנינם), עס איז א חשבון[ה] שוין פון ניין און דרייסיג יאר (צוריק).

(רמ"ב: איז פון תרצ"ו, דאס איז געווען אינמיטן ווינטער, זענט איר שוין געווען אינגאנצן פריי?) איך בין נאך נישט געווען אינגאנצן פריי, ווייל אליהו חיים איז דאך באלד אוועקגעפארן קיין ארץ ישראל (רמ"ב: עס איז געווארן א רעש צוליב דעם אז ער איז אנטלאפן, אדער וואס?) ניין, ניין.

## דער גרויסער נס - מען האט נישט אנגענומען די פאפירן אין אומאן

און איך האב געוואלט דערלאנגען אין אומאן פאפירן (לאישור יציאה) האבן זיי געענטפערט אז זיי קענען נישט אננעמען ביי מיר, ווייל עס איז נאך נישט פריי אינגאנצן

[ד] תהלים קה, ז. דברי הימים-א טז, יד.
[ה] אין שנת תשל"ה.

מיין זאך. (רמ"ב: איר האט געבעטן אין אומאן איר זאלט קענען פארן קיין א"י?) איך האב געבעטן, אין אומאן האט מען אויך געקענט דערלאנגען (בקשת יציאה) וועגן פארן קיין ארץ ישראל (האט מען געענטפערט:) מען קען נישט, ווייל איך בין נאך נישט אינגאנצן פריי.

בין איך אוועקגעפארן קיין מאסקווע, און דא (אין אומאן) האט מען נאכאמאל גענומען די אלע חברה, "ווען זיי נעמען אן מיינע פאפירן אין אומאן, וואלט איך ווען קיין מאסקווע נישט געקענט פארן!". (רמ"ב: דאס איז בשעת מען האט פארשיקט די זיבן און צוואנציג?) יא.

(השואל: דאס איז געווען תרצ"ח?) יא, צ"ח.

(רמ"ב: דאס הייסט, תרצ"ז האט איר נאך גארנישט געטוהן?) ניין, איך בין געזעצן אין אומאן.

נאר צ"ח האב איך געוואלט דערלאנגען (פאפירן) וועגן פארן קיין ארץ ישראל, האבן זיי נישט אנגענומען די פאפירן 'ווייל עס איז נאך נישט געענדיגט דיין משפט, טאר מען נאך נישט אננעמען די פאפירן דיינע'. בין איך אוועק קיין מאסקווע, איז געווארן גאר נעבעך אז זיי האט מען אלע איינגעזעצט און פארשיקט.

איז (דאס) אויך געווען א נס, ווען זיי נעמען אן ביי מיר די פאפירן, וואלט איך ווען קיין מאסקווע נישט געפארן, (וואלט איך אויך גענומען געווארן). פארוואס בין איך געפארן קיין מאסקווע? ווייל זיי האבן נישט געוואלט אננעמען די פאפירן, האב איך געוואלט דארטן (אין מאסקווע) דערלאנגען (די פאפירן).

(השואל: און אין מאסקווע האבן זיי געגעבן רשות?) איך בין נאך דרייצן יאר געווען אין רוסלאנד, איך בין געקומען תש"ט (לא"י).

(פה נקטע הטייפ, וכנראה שמספר מהחלום שחלמה אשתו באותה זמן, וכמובא בשיש"ק חלק ה' אות ת"ב[י], וכששמע רל"י ממנה החלום, אמר לה) 'יא רבי עקיבא ליגט דאך אין טבריה! ר' עקיבא איז דאך אויך געזעצן אין תפיסה – אזוי האב איך איר געזאגט דאס דאזיגע. זי (אשתי) ע"ה האט דאך מיר דערציילט (שחלמה) - 'אלע צדיקים פון טבריה ווען ארויס, נאר מען זאל די מענטשן באפרייען!'

[י] וז"ל:גם זוגתו חלמה שראתה את אמא שלה, ובכתה זוגתו לפניה על צרת בעלה שכמעט שידונוהו למיתה וכו' ואמרה לה בחלומה: כל הצדיקים השוכנים בטבריה פועלים לטובת שחרורו.

עס איז דעמאלט געווען מתנגדים, רבנים, גרויסע מתנגדים, זיי האבן מיך געקושט מיט א מין (שמחה), געוויינט מיט טרערן. עס איז געווען א רב, (וואס ער האט געזאגט:) איך האב אויסגעגאסן טייכן טרערן פאר אייך! (השואל: ר׳ שלום?) נישט ר׳ שלום, ר׳ שלום איז שוין געווען אין ארץ ישראל.

נאכדעם וואס מען האט אונז באפרייט, עפעס די שמחה וואס עס איז געווען עפעס (א וואונדער) אז עס האט געקענט זיין (אזא זאך), ממש מען האט זיך אנגע׳שיכור׳ט, מען האט געטאנצט אין די גאסן, אזא מין באפרייען.

דעמאלט האבן מיר געזעהן, דער כח פונעם רבי׳ן איז געוואלדיג גרויס.

## די מתנגדים האבן מודה געווען - עס איז נישט קיין מענטשליכער כח

דער כח פונעם רבי׳ן - אפילו מתנגדים האבן מודה געווען אז עס איז עפעס נישט קיין מענטשליכער כח, אזא מין באפרייען (ממוות לחיים) - - - עס איז געווען מיט אונז א מנהל (פון די קאמוניסטן, וועלכער איז געזעסן אין אומאן אין) תפיסה, פרעג איך אים: ׳ווי אזוי קען דאס זיין? אין צוויי טעג ארום - פון אונטערשרייבן – זאלן מיר (שוין) קומען קיין קיעוו? וואס איז דאס?׳ זאגט ער מיר: ׳דו מיינסט אז מען וועט דיך פירן קיין קיעוו; מען וועט דיך נאך פאר קיעוו ערליידיגן...׳

(רמ"ב: ווער איז דאס געווען?) איינער דארטן א גוי, ער איז אויך געזעצן אין תפיסה, ער איז געווען א מנהל פון דער תפיסה, און מען האט אים אויך איינגעזעצט (און ער האט געזאגט:) ׳דו מיינסט מען וועט דיר שיקן קיין קיעוו?! מען וועט דיר אויפן וועג ערליידיגן׳. (אזוי האט געזאגט) א גוי.

(רמ"ב: ער האט שוין געוואוסט דעם סדר...) יא.

(רמ"ב: איר האט נישט געוואוסט אז מען האט געהייסן מען זאל אייך שיקן קיין קיעוו, אז דער מושל האט געבעטן).

א וואונדערליכע זאך (קוים מאנטאג האט מען אריינגעגעבן) פאפירן (און גלייך קומט אן ענטפער און) מיטוואך ביינאכט פארן מיר ארויס. עס איז גארנישט שייך צו זאגן (וויפיל אזא זאך דארף געווייינטליך געדויערן), עס דארף געדויערן עטליכע חדשים, ביז מען זאל

האבן אן ענטפער אויף דערויף. 'וואס איז דאס עפעס?!' מען האט געקענט טראכטן אז דער מנהל זאגט ריכטיג, וואס עפעס צוויי טעג און שוין?! איי.

אין אומאן האט מען ארויסגעזעהן דאס גרויסקייט פונעם רבי'ן ממש עין בעין! עין בעין!

די ניסים פונעם רבי'נס זאך האט מען ארויסגעזעהן עין בעין! דעם כח פונעם רבי'ן!

(דער גרויסער וואונדער איז) אז אין אומאן האבן נאך געקענט זיין מתנגדים, און אייזערנע קעפ האבן זיי געהאט, און זיי האבן נאך געקענט זיין מתנגדים!

(מען האט) ארויסגעזעהן עין בעין דעם רבי'נס גרויסקייט אין דער מלכות הרשעה.

עס איז אן הסתרה, עס איז אן העלמה, מען גערענקט נישט כסדר די אלע נסים, מען גערענקט נישט, אז מען זאגט, 'זכרו נפלאותיו' - גערענקט! - איז א סימן אז עס פאלט א שכחה, 'גערענקט!' א סימן אז עס פאלט א שכחה, 'גערענקט די נפלאות!'

(השואל: ווען זענט איר טאקע געווארן באפרייט?) כ"ח שבט, (אחד הנוכחים: כ"ח מעשיו הגיד לעמו[ז]!)

כ"ח שבט, און שבת איז געוועזן כ"ט, און זונטאג מאנטאג איז געוועזן ר"ח אדר.

## די אמונה האלט דעם מענטשן ביים לעבן

דער מנהל וואס איז געזעצן מיט אונז אין תפיסה, האט גענומען עפעס א האנטוך, ער האט עס פארדרייט אויפ'ן קאפ, און האט זיך געוואלט אויפהענגען, מען האט אים געכאפט אינדערמיט, זאג איך אים: 'דו ווייסט דאך אז מיין משפט איז שארפער פון דיינס, פארוואס האסטו זיך געוואלט אויפהענגען?' (ענה:) 'ווייל דו גלויבסט!' און ער גלויבט נישט.

ווייל דו גלויבסט דערפאר טוהסטו נישט אזא מין זאך, אבער ער גלייבט נישט, ער איז א מנהל און מען וויל אים טאן, וויל ער זיך אויפהענגען און שוין, וואס איז זיין לעבן - א לעבן?!

[ז] תהלים קיא, ו.

(רמ"ב: וואס איז געווען טאקע זיין סוף? ער איז גע'פגר'ט דארטן?) ניין, מען האט אים באפרייט.

(השואל: פארוואס איז דער מנהל געזעצן אין תפיסה?) ברוך (ר' ברוך געצע'ס) איז געזעצן אין תפיסה (ווייל) ער האט חתונה געמאכט א קינד יונגערהייט, איז ער געזעסן אין תפיסה. מען האט אים געגעבן צוויי יאר (השואל: ער האט אים געגעבן געלט?) [ער האט אפגעמאכט] מיט אים, ער זאל טאן אויפ'ן הויף גרינגע ארבעט, (כדי) ער זאל קענען אלעמאל קומען אויפן ציון, און אזוי (זאל ער טוהן) אויפ'ן הויף גרינגע ארבעט. איז געגאנגען איינער פון (- - -) און האט זיך צוגעהערט פון אונטן ווי מען רעדט דאס (און גע'מסר'ט), האט מען אים (המנהל של בית הכלא) גלייך גענומען, און (אזוי אויך) ברוך האט מען שוין גענומען שטרענג אין די הענט אריין, אהא,

(חסר)

# דיווארענונג נישט אהיים צו קומען

(איך האב גערעכנט אז) איך קום אהיים אויף פסח. זיי זענען געווואויר געווארן אז ער איז דא (ר' ברוך), האבן זיי געמיינט אז איך בין אויך דא. איך האב שוין געהאט א באן טיקעט אהיים צו קומען אויף פסח פון מאסקווע. באקום איך (אין) דעם (זעלבן) טאג א בריוו פון דער היים, האט זי (מיין אידענע) געשריבן אז "די מחלה איז א מחלה מדבקת, איך וועל דיך נישט אריינלאזן אין שטוב אריין!" שוין, האב איך שוין פארשטאנען וואס דאס איז (א ווארענונג אז מען זוכט מיך).

[א מחלה מדבקת, אנשטעקיג, מען שטעקט זיך אן], איך האב שוין געהאט דעם טיקעט אין דער האנט אויף צו פארן, עס איז א פלא'דיגע זאך, ווען ער (ר' ברוך געצע'ס) איז געקומען קיין אומאן, איז ער גלייך געקומען אין שטוב אריין, און מען האט אים פון שטוב צוגענומען.

(השואל: זי האט געשריבן דעם בריוו צו אייך נישט צו קומען נאך איידער מען האט גענומען ר' ברוך'ן?) אוודאי פריער, פריער איז אנגעקומען דער בריוו, אין דעם טאג וואס איך האב געדארפט פארן. אז עס איז אנגעקומען דער בריוו, האב איך שוין געזעהן - - איך האב געהאלטן פסח אין מאסקווע און איך בין שוין נישט געפארן.

ניסים און ניסים, ניסים, ניסים, יעדער טריט, נאר וואס דען? ביים רבי'ן איז דאס געווען אפט אזעלכע ניסים, מען האט ארויסגעזעהן ממש - ארויסגעזעהן אז ס'איז דא

א רבי! אפילו מתנגדים האבן שוין אויך מודה געווען (אז עס איז דא) א כח, א כח. דער אויבערשטער זאל העלפן מיר זאלן נישט פארגעסן, מיר זאלן נישט פארגעסן! 'זכרו' נפלאותיו אשר עשה! פארגעסט נישט!

אז מען זאל זיך ווען איינקוקן זיך גוט, טוט דער אויבערשטער מיט יעדן איינעם ניסים!

מיט יעדן איינעם טוט ער ניסים, יעדן איינעם זאגט דער אויבערשטער פאר אים: 'זכרו' נפלאותיו אשר עשה! געדענק! נאר וואס דען? ס'איז דא א כח פון שכחה, ס'האט א שייכות וואס דער רבי זאגט אין די תורה נ"ד[ח] אז "מען דארף זייער היטן דעם זכרון פון עלמא דאתי", עס האט איין שייכות דאס, פון די אלע נפלאות וואס דער אויבערשטער טוט, דארף זיין א זכרון פון עלמא דאתי!

(צרפנו לקמן שיחה מר' אליהו חיים שמספר הנס הצלה, וקודם לכן העתקנו פה שיחה מרל"י שנמצא בהטייפ הזה, עיי"ש.)

* * *

# די גרויסקייט פון מקוה אום ראש חודש

(מדברים על שיחת רבינו ז"ל לר' נפתלי על מקוה בר"ח[ט])

(ר' נפתלי) – ער איז שוין געגאנגען אנגעטוהן מיט די תפילין (און דער רבי האט אים געזאגט) ער זאל אויסטוהן די תפילין – אזוי ווייט, אזוי – לכתחילה איז די הזהרה אלע טאג צו גיין פארן דאווענען, נאר למשל אז איך גיי שוין אנגעטוהן די תפילין, וועט מען נישט זאגן טוה אויס די תפילין און (גיי אין מקוה), איך וועל גיין נאכן דאווענען! אבער ראש חודש האט דער רבי געהייסן אויסטוהן די תפילין און גיין.

[ח] וז"ל: כִּי צְרִיכִין לִשְׁמֹר מְאֹד אֶת הַזִּכָּרוֹן, שֶׁלֹּא יִפֹּל לְשִׁכְחָה, בְּחִינַת מִיתַת הַלֵּב. וְעִקַּר הַזִּכָּרוֹן הוּא לִזְכֹּר תָּמִיד בְּעָלְמָא דְּאָתֵי, שֶׁלֹּא יִהְיֶה בְּדַעְתּוֹ, חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁאֵין עוֹלָם אֶלָּא אֶחָד. וְעַל יְדֵי מַה שֶּׁמְּדַבֵּק מַחֲשַׁבְתּוֹ בְּעָלְמָא דְּאָתֵי, עַל יְדֵי זֶה נַעֲשֶׂה יִחוּד ה' אֱלֹקֵי הַנַּ"ל:

[ט] עי' שיח שרפי קודש הנדמ"ח ח"ג סימן תס"ה: פעם אחת בראש חודש כשהתחילו להתפלל שחרית, הלך רבינו אל ר' נפתלי ואמר לו: "נפתלי מקוה?" ויען ויאמר: "אלך אחרי התפלה". אמר לו רבינו: "ראש חודש דארף מען פריער גיין אין וואסער אריין!" ותיכף הסיר רבי נפתלי את הטלית וחלץ את התפילין והלך אל המקוה:

(רנ"ב: דער רבי האט געגעבן א זאג, ר"ח דארף מען גיין אין וואסער פארן דאווענען!) **אבער די** מעשה איז דאך געוועןביים אויסטוהן די תפילין, ער האט שוין געהאט געלייגט די תפילין.

(השואל: ווען מען זאגט נישט קיין תחנון איז געווען די קפידא אדער נאר ר"ח?) **דער רבי האט געזאגט ר"ח!**

(אחד הנוכחים: דער רבי זאגט 'ימי ניסן'[י]?) (אחד הנוכחים: ימי ניסן איז בכלל צו גיין אין מקוה – אן הקפדה אין ימי ניסן ותשרי, אבער נישט דווקא פארן דאווענען).

מקוה איז אזוי הייליג, אז ווען מען גייט איז גוט, נאר פאר'ן דאווענען איז אוודאי בעסער! ר"ח איז אזוי ווייט (אז) מען דארף אויסטוהן די תפילין. (רנ"ב: איז ווי אזוי איז שבת?) שבת איז אוודאי!

ווען ר' נפתלי זאל געווען גיין אנגעטוהן די תפילין (באיזה יום) נישט ר"ח, וואלט דער רבי נישט צוגעגאנגען צו אים, ער זאל אויסטוהן די תפילין (און גיין אין מקוה).

עס קען זיין, ר' נפתלי האט אפשר ממילא געטראכט צו גיין נאכן דאווענען, (נאר) דער דיבור פונעם רבי'ן (גייט אזוי ווייט) אז מען זאל אפילו אויסטוהן די תפילין, און גיין פארן דאווענען.

ממילא אז מען ווייסט שוין פון דעם דיבור, דארף מען זהירות אז מען זאל גיין פאר'ן דאווענען, למאי נפקא מינה? מען זאל זיך מזרז זיין!

## לבוא בזמן שלא יצטרכו לדלג בשביל תפילה בציבור

עס שטייט טאקע, דער מגיד האט געזאגט צום בית יוסף –

דער בית יוסף ברענגט[יא], אז מען קומט אריין (באמצע התפילה), (זאל מען זאגן בלויז) ברוך שאמר, ויברך דוד, מען זאל זאגן דאס (און) דאס! קומט אויס להלכה איז אזוי! (אז מען דארף) זאגן 'תהילה לדוד' און 'ישתבח', להלכה (איז) אזוי.

[י] עיין הקדמה לתיקון הכללי: ואמר שבימים שאין אומרים תחנון, כגון ביומי דניסן וכיוצא המבוארים בשולחן ערוך אורח חיים, צריכין ליהות רגיל ביותר בטבילת מקוה.
[יא] שולחן ערוך אורח חיים סי' נ"ב סעי' א', ועיי"ש כל הדינים בהפוסקים.

און דער מגיד[יב] האט אים געזאגט אז מען זאל זעהן זיך צוצואיילן אז מען זאל נישט דארפן מהפך זיין די צינורות[יג], עס איז דאך פארט די הלכה אזוי (מען זאל אויסלאזן)? נאר מען זאל זיך זעהן צו איילן זיך, אז מען זאל נישט קומען דערצו, ווייל מען איז מהפך די צינורות. (רנ"ב: עס איז עפעס געווען א קפידא ביים רבי'ן מען זאל דאווענען כסדר?) יא! עס איז געווען א קפידא. אבער דער רבי איז דאך נישט געגאנגען אנטקעגן שולחן ערוך, מוז מען דאך זאגן, אז דער פשט איז אז מען זאל זעהן זיך צואיילן, 'דו זאלסט נישט קומען דערצו!' (היינו בין בהזהרת המגיד ובין בדיבור שיש מרבינו בזה, הכוונה לכך).

(רנ"ב: ער קומט צו גיין צום מנין, און דער מנין האלט שוין באלד ישתבח, און אז ער וועט אנהויבן צו דאווענען פון אנהויב?!) אט דאס רעדן מיר דאך, די הלכה איז הלכה, קומט דאך אויס מוז ער דאך פאלגן די הלכה אזוי ווי דער מחבר ברענגט! אבער זאגן אז איך קוק נישט, (איך רעכן מיך נישט וואו דער ציבור האלט), ווייס איך נישט צו עס איז ריכטיג, עס איז דאך אנטקעגן די הלכה! למשל איך וועל דאווענען ביחידות כדי איך זאל נישט איבערהיפערן, (כדי) איך זאל נישט צודרייען די צינורות, בין איך דאך עובר אויפ'ן שלחן ערוך - דאוון איך דאך נישט קיין תפילה בציבור! דער בית יוסף האט געהאט א מגיד, דער מגיד האט אים אזוי געזאגט (מען זאל דאווענען כסדר), און (אויב אזוי) פארוואס האט ער מעתיק געווען די הלכה, נישט אזוי?! (נאר וואס?) - די הלכה איז הלכה! דאס איז די הלכה! נאר וואס דען? דער מגיד האט אים מודיע געווען מען זאל זיך זעהן אזוי צוגרייטן, 'מען זאל נישט דארפן אנקומען דערצו!'

## נישט טשעפען קיין סעיף קטן אין שולחן ערוך

(רנ"ב: דאס איז אויך לכתחילה, מען רעדט א בדיעבד?) וואס הייסט בדיעבד?! (רנ"ב: עס איז נישטא א ווארט פון רבי'ן אז דער רבי האט געזאגט מען זאל נישט מדלג זיין?) מען קען נישט זאגן דעם ווארט, אויב עס איז אנטקעגן די הלכה! דער רבי האט דאך אזוי מקפיד געווען אויפן שלחן ערוך. "קנייטש מיין ספר ווי אזוי דו ווילסט, נאר נישט טשעפען קיין סעיף קטן" [פונעם שלחן ערוך].

---

[יב] עי' מגיד מישרים פרשת בשלח מהדורא קמא.

[יג] לשון זה מובא בבאר היטב על השו"ע שם (ס"ק א') בשם סידור האר"י.

קען זיין אפשר, אז היינט איז גרינגער, (לקיים זה שלא לדלג) – אמאל איז געווען איין מנין אין שטאט, נישט מער. אין די צייטן פונעם מהרש"ל איז נישט געווען קיין מנינים אין לובלין, דער מהרש"ל'ס שול איז גרויס אזוי ווי א גאנצע גאס, א גאנצע לאנגע גאס, עס האבן געקענט אריינגיין דארטן טויזנטער מענטשן. און (ווען) דער מהרש"ל איז אריינגעקומען מעוטר בטלית ותפילין, איז שוין געווען די שול געפאקט מיט מענטשן, טויזנטער מענטשן (זענען) געווען אין שול, ווי נאר ער האט געגעבן א קום אריין האט מען אנגעהויבן דאווענען, מען האט קיין רגע נישט געווארט, עס איז געווען א דאווענען פון טויזנטער מענטשן! געדאווונט! דארטן קען מען שוין זאגן די הלכה! (אז מען דארף מדלג זיין), אבער (כיום אז) עס איז דא אן אנדער מנין, אויב עס איז דא אנדערע מנינים און ער וועט נישט עובר זיין (אויף די הלכה) –

(שואלים - שרוצים להתפלל במנין הקבוע בבית מדרשנו, ששם מתפללים במתינות, משא"כ בשטיבלאך, אבל אירע שבאו באמצע התפילה) –

א רמ"א איז דא: אז אויף א דבר תמידי איז נישט שייך צו זאגן א 'בדיעבד' – 'בדיעבד' איז 'אמאהל'! (צו זאגן אז) א מענטש שפעטיגט זיך אלע טאג, און עס איז ביי אים א בדיעבד, א דבר תמידי איז נישט שייך קיין בדיעבד.

## דעם רבי'נס זאך איז תפילה

בקיצור איז אזוי, תפילה איז פון די דברים העומדים ברומו של עולם[י"ד], דער רבי האט אזוי געזאגט (ליקוטי מוהר"ן תניינא תורה צ"ג[ט"ו]): **'פארוואס קריגט מען אויף מיר? ווייל מיין זאך איז תפילה! העומד ברומו של עולם ובני אדם מזלזלין בו!**

**שוין, דעם רבי'נס זאך איז תפילה!**

---

[י"ד] ברכות ו' ע"ב.

[ט"ו] וז"ל: שָׁמַעְתִּי בִּשְׁמוֹ, שֶׁאָמַר לְעִנְיַן הַמַּחֲלֹקֶת שֶׁהָיוּ חוֹלְקִים עָלָיו. כִּי אָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרָכוֹת ו:): "כְּרֻם זֻלּוּת לִבְנֵי אָדָם" 'אֵלּוּ דְּבָרִים הָעוֹמְדִים בְּרוּמוֹ שֶׁל עוֹלָם, וּבְנֵי אָדָם מְזַלְזְלִין בָּהֶם, וּמַאי נִיהוּ, תְּפִלָּה'. עַל כֵּן מֵחֲמַת שֶׁכָּל עִסְקוֹ תְּפִלָּה. כִּי בְּעִנְיַן תְּפִלָּה הָיָה מַרְבֶּה לְדַבֵּר עִם אֲנָשָׁיו, וְהִזְהִירָם מְאֹד לְהַרְבּוֹת בִּתְפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת וְשִׂיחָה בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ, כַּמְבֹאָר בִּסְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים וְיוֹתֵר מִזֶּה הִרְבָּה לְדַבֵּר עִמָּנוּ וְחִזֵּק אוֹתָנוּ בְּהִתְחַזְּקוּת בְּלִי שִׁעוּר, לְהַרְבּוֹת בִּתְפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת. עַל כֵּן בְּנֵי אָדָם מְזַלְזְלִין בּוֹ וּמְבַזִּין אוֹתוֹ וְחוֹלְקִין עָלָיו, כִּי כָל עִסְקוֹ הוּא תְּפִלָּה, שֶׁהֵם דְּבָרִים הָעוֹמְדִים בְּרוּמוֹ שֶׁל עוֹלָם, וּבְנֵי אָדָם מְזַלְזְלִין בָּהֶם. וְהָבֵן:

למעשה דארף מען זעהן זיך צוגרייטן ווי ווייט מען קען! עס שטייט אז אזוי ברענגט דער אר"י הקדוש, ה'ודו ל'ה' ק'ראו ב'שמו[ט"ז] איז ר"ת בקה"ל! ס'ווערט געבראכט דאס, הודו דארף מען זאגן צוזאמען מיטן גאנצן קהל. מען דארף זיין (שוין) אנגעטוהן מיט די טלית ותפילין, טאמער דער קהל דאוונט אביסל גיכער דארף איך אנהויבן פריער, איך מעג האלטן שוין אינמיטן, איך מעג שוין האלטן ביי ויברך דוד ווען דער קהל הויבט אן הודו, על כל פנים דאס דארף זיין מיין וועג, מיין גאנג, עס זאל זיך מאכן אמאל אמאל, איך ווייס? (ווען) א מענטש (איז אן) א אונס.

## ביי חצות הויבט שוין אן צו שיינען די הארה פון תפילה

(אחד הנוכחים מספר על מאן דהוא שהיה מתפלל ביחידות בעיר העתיקה בבית מדרשינו, על כך שואל רלוי"צ:) ווען? ותיקין? איך ווייס נישט. שוין, מיר רעדן דאך נישט פון קיין יחיד קען מען נישט רעדן, מיר רעדן אזוי ווי עס איז! רבי נתן ברענגט - מיר האבן געלערנט אין דער הלכה פון הלכות תפילה הלכה ה'[י"ז], לערנען מיר איצטער די הלכה, זאגט ער דארטן, ער ברענגט דארטן דעם אר"י הקדוש אז ביי חצות הויבט זיך אן די הארה פון תפילין און די הארה פון תפילה, ביי חצות הייבט שוין אן שיינען די הארה פון תפילה! קומט אויס אז דער מענטש דארף האבן א הכנה נאך פון האלבע נאכט - דארף ער שוין האבן א הכנה צום דאווענען!

איז ממילא די קשיות וועט זיך נישט מאכן ביי אונז.

(רנ"ב: יענער האט געזאגט, מען שלאפט זיך גוט אויס צום דאווענען...) יא, יא, די הכנות פונעם דאווענען איז נישט מיט אסאך שלאפן!

[ט"ז] דברי הימים-א טז, ח.

[י"ז] אות י"ט.

# סיפור מעשה ההצלה

## מפי הרב החסיד ר' אליהו חיים רויזן ז"ל

## די השתלשלות ביז'ן באפרייאונג

...האב איך דארטן געהערט ווי דער מנהל וואס דארף אונז אננעמען האט גערעדט אויפ'ן טעלעפאן.

איך הער דאך נאר וואס ער רעדט, (אבער) וואס מען ענטפערט אים הער איך נישט, האב איך געהערט ווי ער זאגט אים -- ער האט טעלעפאנירט צום רעכטן מנהל דארטן פון די שדים, וואס האט אונטער זיך עטליכע הונדערט שטעט (און זאגט אים) – אז מען האט שוין געבראכט די מענטשן פון אומאן, (און ער פרעגט יענעם:) 'זאל איך זיי איינזעצן צו נישט?' האט ער אים געענטפערט - כאטש איך האב דעם ענטפער נישט געהערט – ער זאל זיי נישט איינזעצן, (נאר) ער שיקט שוין ארויס א מאשין נאך זיי. עס איז דא א מאשין וואס מען פירט ספעציעל די – רח"ל – די (פאר'משפט'ע) נפשות, דער מאשין איז פארמאכט, עס האט נישט קיין פענסטער נאר א לעכעלע אויף צו כאפן לופט, און פון אונטן זיצן שוטרים, מיט די ביקסן, אזוי ווי מען פירט רח"ל (צו שיסן) – און ווען מען האט אונז אריינגעפירט, האב איך געמיינט אז מען פירט אונז אויפן פעלד אויף צו שיסן, האב איך געזאגט ווידוי און ער (רבי לוי יצחק) האט געזאגט (ווידוי), מען האט געוואוסט אז אט אט אט...

מען האט אונז צוגעפירט אהין טאקע (צו) יענעם (מנהל), דער מנהל איז געווען א איד און דער סעקרעטאר זיינער איז געווען א איד, נאר מיט א גרויסן קאפ האר, אזוי א שטעלע גיט מען נישט נאר וועמען, מען גיט דאס נאר ביי (אזא איינעם וואס איז א ריכטיגער קאמוניסט), וואס מען האט אים אראפגענומען די קייטן פון בית הסוהר פון צאר ניקאליי'ען, נאר וויבאלד איך האב נאר געזעהן דעם סעקרעטאר, האב איך (גלייך) געזעהן אז עס איז א איד (מיט) א גרויסן קאפ האר, זיי האבן געבעטן א שטול צו זיצן דארטן פארנט אין קארידאר (פרוזדור, דאס איז געווען) אין קיעוו. ער איז צוגעגאנגען צו מיר און פרעגט מיר טאמער איך וויל עסן. דער סעקרעטאר האט זיך געזעצט נעבן זיין

צימער אינדרויסן אין קארידאר, אבער איך בין נישט נתפעל געווארן פון דעם וואס ער רעדט אזוי גוט, ווייל זיי גיבן א סעודה אפצועסן פאר'ן שיסן, ביי זיי פירט זיך אזוי, רח"ל.

## די אויספארשונגען

ער זאגט מיר נאר, 'מען וועט היינט רעדן מיט אייך'. ביי דעם זמן פון חצות, צוועלף אזייגער, האט ער מיך ארייגערופן און זאגט מיר: 'איר וועט אריינגיין צום ערשט'. איך בין אריינגעגאנגען צום מנהל, (ווען) איך גיב א קוק, זעה איך (ער איז) א איד, גיט ער מיר א זאג אויף רוסיש, 'צו איך גיב זיך אונטער - צו איך טוה אנערקענען אז איך בין געווען א קאנטער-רעוואלוציאנער, א קאנטער-רעוואלוציאנער הייסט 'קעגן דער מלוכה'[י"ח].

האב איך אים געזאגט אויף רוסיש, צו איך קען רעדן אויף אידיש.

די מעשה איז אזוי, דארטן ענטפערט מען נישט מיט קיין חכמות, דארטן ענטפערט מען וואס מען שיקט אריין פון הימל, ס'איז נישטא קיין צייט צו טראכטן גארנישט, שוין זאגן!

גיב איך אים א זאג 'זאלסט וויסן אז אונזער זאך האט אן איינטייל אין די אנטיסעמיטיזם פון גויים אויף אידן. אז איך האב דאס ארויסגערעדט האב איך געזעהן ווי דער איז געווארן צעקאכט, ער און דער סעקרעטאר זיינער, און ביידע קוקן איינער אויפן אנדערן, דער סעקרעטאר זאגט מיר: 'אהווא, דער איז אן אנטיסעמיט?!' ער האט אנגערופן מיט'ן נאמען דעם גוי - דער חוקר, דער וואס האט אונז (חוקר געווען), דער איז אן אנטיסעמיט?!

## דאס אידישע פינטל האט זיך ערוועקט

האב איך דערקענט אז די נקודת היהדות האט זיך עפעס א רוק געטאן ביי זיי, אינמיטן זאגט ער, איר זאלט וויסן איך וועל פון אייך נישט צאפן קיין בלוט - - -

---

[י"ח] קאנטער מיינט אנטקעגן, רעוואלוציע מיינט א מרידה, און אזוי ווי די קאמוניסטן זענען אויך געקומען צו דער מאכט דורך א רעוואלוציע, האבן זיי אנגערופן, זייערע געגנער קאנטער רעוואלוציע, דאס הייסט מען רעוואלטירט קעגן דער רעגירונג.

ער האט אויסגעפרעגט וואס דער ברסלב'ער רבי האט אויפגעטוהן אנדערש פון אלע רבי'ס, און אהין, גערעדט, און נאכדעם בין איך געוואויר געווארן אז ער איז געוועזן א ברסלב'ער חסיד'ס אן אייניקל, יענער איז געוועזן פון ר' נתן'ס מענטשן, נאכדעם איז מען געוואויר געווארן אז אן אלטע שוויגער איז געוועזן ביי אים אין שטוב, און ער האט איר געגעבן א באזונדערער חדר, און ער האט איר געזאגט אזוי - עס איז געוועזן איינער (וואס) האט דערציילט א גרים - א מענטש פון דארטן, אז ער האט אמאל געזאגט (צו) דער שוויגער: 'איך בין א גוי - דאס הייסט א חפשי (חילוני), נאר צו פאקן א איד ביי מיר אין די הענט וועל איך געבן די קאפ פאר אים!' דאס הייסט ער וועט גיין מיט מסירות נפש.

גערעדט אהין אהער, נאך דעם געפרעגט שאלות, ער האט זיך נישט געדונגען מיט מיר גארנישט, ער האט דערווייל א פרעג געטאן דארטן (אז אינעם תיק) איז געשטאנען א זאך וואס איך האב געזאגט דעם חוקר מיינעם, אז דאס וועל איך זאגן אויפ'ן משפט. פרעגט ער מיר, דארטן שטייט אז איין זאך וואס מען האט דיר געפרעגט די און די זאך, האט איר געזאגט אז דו וועסט זאגן אויפ'ן משפט, פרעגט ער מיך: 'מיר וועסטו עס יא זאגן?!' האב איך אים געזאגט: 'יא.' האב איך אים געזאגט. עס איז געוועזן סבר וקיבל ביי אים. און ער האט מיר נאך דעם א פרעג געטאן: 'פארוואס האסטו מורא געהאט דאס צו זאגן פאר'ן חוקר?' האב איך אים באלד געזאגט א טעם, דער טעם איז אים נאך מער געפעלן געווארן!

(חסר)

# באפרייט פון תפיסה

(ווען איך האב אנגעהויבן צו וויינען) זאגט ער מיר: 'וואס וויינט איר? איך לאז דיר דאך באלד גיין אויף דער פריי!'

זאגט ער אויף רוסיש צום סעקרעטאר זיינעם: 'גיב א קוק, ער גלויבט נישט אז מיר לאזן אים באלד אפ'. עס איז א פלא ווי אזוי עס פירט זיך פון הימל!

ער נעמט מיך ארויס, מען האט געדארפט אדורכגיין פינף-זעקס צימערן, גיט ער (דער סעקרעטאר) א פרעג צו אים - דארטן הייסט אלעס 'חבר', 'חבר מנהל' - 'דעם פאספארט מעג איך אים ארויסגעבן?' זאגט ער אים: 'לאז אים ארויס, נאר נעם ביי

אים אן אונטערשריפט אז ער טאר נישט ארויספארן פון אומאן אן רשות פון די 'שדים', פון די שטאט' און דאס איז געווען דאס גאנצע, חלילה ווען ער גיט נישט ארויס דעם פאספארט, א נעכטיגער טאג (עס זאל קענען זיין א רעדע) פון ארץ ישראל, ווייל איך בין געשטאנען פארשריבן אין מאסקווע אז איך בין אן איינוואוינער, און דארטן בייט מען א פאס פאר א פאס - - -

אין ספר המידות[י"ט] ברענגט דער רבי, אז השי"ת ברענגט אמאל א גרויסע ישועה אויף א מענטשן און פאר די ישועה ברענגט ער א צרה, וגודל הצרה לפי גודל הישועה, פארשטייסט?!

# דער נס פון דער נסיעה קיין ארץ ישראל

--- קום איך אהיים צופארן, זעה איך א בריוו, מען שרייבט מיר אז עס איז דא פאר מיר א פאס ארויסצופארן, פינף יאר זיך משתדל געווען אויף דעם, דו ווייסט וואס עס הייסט?! און אלעמאל אפגעזאגט, אפגעזאגט, 'א נס פון הימל!' עס איז געווען א נס, בתוך נס! פארשטייסט? דאס איז ביי מיר די זאך פון סיפורי נפלאות! - - - ווער האט זיך געטראכט פון ארץ ישראל?! ווער וויים וואס עס טוט זיך אין דעם עולם?! עס איז דאך א געוואלד אין דער וועלט! מען קען זיך אויסמאלן? מען האט געזאגט, "די זענען שוין געווים פארפאלן, הלוואי זאל מען נישט טשעפען מער", דאס האבן געזאגט די יודעי דבר! אזוי ווי ביי נבוכדנצר שטייט אז די וואס זענען אריין זענען שוין נישט ארויס קיינמאל[כ'], די וואס זענען אריין זענען שוין קיינמאל נישט ארויס לעבעדיג, אבער אז מען האט געהייסן פון הימל גיי ארויס, איז נישטא קיין שום תירוץ.

רבוש"ע, אוי אוי, פארשטייסט?! מיט אמונה, אז מען קען גארנישט וויסן, ווי אזוי ווי אזוי?! וואס טוט זיך איבער, מען גייט איבער אין דעם עולם אזוי אן איבערגייעכטס, אוי אוי.

---

[י"ט] ערך ישועה, אות ט': קֹדֶם שֶׁעוֹשֶׂה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא נֵס לָאָדָם, הָאָדָם הַזֶּה נוֹפֵל לְרָעָה, וְהַכֹּל לְפִי גֹּדֶל הַנֵּס:

[כ'] עי' ישעיה (יד, יז) אסיריו לא פתח ביתה, ואמרו רז"ל (ויק"ר פי"ח ב') כל מי שהיה נכנס בבית האסורים בימיו לא היה יוצא משם לעולם.

# אין דער תפיסה אין אומאן

מען האט נישט צוגעלאזט קיין פעקל צו מיר פון שטוב דארט אין תפיסה וואו איך בין געזעצן, נאר איינמאל אין אכט טאג. מיין שוויגער פלעגט גיין, זי איז געווען אן עלטערע פרוי, האט איר (אמאל) א פרעג געטאן דער סגן פונעם מנהל: 'וואס וועט זיין אז מען וועט אים פארשיקן אויף צען יאר - וועסטו אים דארטן אויך שיקן פעקלעך?!'

זאגט זי – אין רוסיש – "וועט מען אים טאקע נישט פארשיקן"...

איז געווארן א געלעכטער,

דער מנהל פון בית הסוהר איז געווען א איד, ווען ער האט מיך דערזעהן אין גאס אז איך בין צוריק געקומען (האט ער זיך געוואונדערט) – וואס איז געשעהן? א מענטש וואס מען האט נישט צוגעלאזט צו אים קיין עסן איז פלוצלונג געקומען?!

(ר' משה בינענשטוק: מען האט זיי גארנישט געטשעפעט די אין קיעוו, דער וואס האט אייך באפרייט?) ווער ווייס וואס דארטן האט זיך געטאן? קען זיין מען האט זיי געשאסן גאר? ווער ווייס? קען זיין ער איז אראפגעקומען אינגאנצן אין דעם עולם אונז ראטעווען! אזא איד!

## די "עבירות" צוליב וואס מען האט אונז ארעסטירט

די מענטשן האבן געזאגט, די אלע – די וואס האבן געוואוסט אין קיעוו און אומן, 'מען זאל דעמאלט געווען וועלן פאר אונז א האלבן מיליאן געלט, וואלט געווען כדאי', עס איז געווען פארמישט גרויסע ציבור'ישע זאכן.

עס איז געווען דארט א הונגער, און אין מאסקווע האט מען געגעבן פאר די פערד צו עסן ברויט, פאר די פרעמדע (וועלט) איז עס פאר זיי געווען א בזיון (אז מען הונגערט), זיי האבן דאך געהאלטן – זיי האבן דאך געזאגט אז זיי האבן ברויט. נאר אין אוקריינע און אומעטום זענען געפאלן צענדליגער טויזנטער מענטשן (פשוט פון הונגער).

איך האב געמאכט א קאמיטע אין מאסקווע (און מען האט באשלאסן) אז מען וועט שיקן פעקלעך מיט ברויט פאר די ארימעלייט, ער האט דאס געוואוסט – (החוקר) – (זאגט ער מיר:) 'זאג מיר ווי אזוי האסטו געטאן מיט די פעקלעך? וועמען האסטו עס געגעבן? צו האסטו גענומען געלט?' עס איז געווען פארשריבן א גאנצע - - איך האב

געטראכט בשעת מעשה, אויב מען האט דאס דערמאנט, איז גוט! זאל מען דערמאנען איצטער די זאך! (געראטעוועט צו ווערן)

למעשה, א קילא ברויט האט געקאסט הונדערט רובל זייערע, האב איך געמאכט (ערליידיגט) מען זאל נאר נעמען (פון די ארימעלייט פאר די ברויט בלויז) וואס עס קאסט געלט די פאסט, און נישט מער. האב איך א קוק געטאן (און געזעהן) אז די אמת'ע ארימעלייט, די וואס איך האב געוואוסט (פון זיי) האבן דאס אויך נישט, האב איך געמאכט אז איך לייי, האט ער אלעם געפרעגט (ווי פריער דערמאנט). און איך האב דאס געטראכט, רבוש"ע איצטער טא (העלף מיר) – אזוי ווי דער רבי זאגט[כ"א] אז אלצדינג וואס א מענטש טוט נעמט זיך צונויף לעת הצרה והדוחק און עס ראטעוועט דעם מענטשן.

# די ברוטאלע פארשונגען אין אומאן

דאס איז געווען (אין שנת) תרצ"ו, זיי האבן געזאגט אויף דעם, ר' אברהם (ב"ר נחמן) האט עפעס אנגעוואונקען, אז דער יאר מאכט צרו"ת, אז מען וועט דעם יאר פארשליסן די שול.

(רמ"ב: מען האט טאקע פארשלאסן די שול צוליב אייער מעשה?) ניין, אזוי נאך פריער, פאר אונז.

זיי האבן געזאגט, עס זענען אראפגעקומען עפעס (אידן) פון פוילן אויף ראש השנה (קיין אומאן), זענען אראפגעקומען פילע פירער, האבן זיי געזאגט אז ס'איז געווען שפיאנאזש (מרגלים) – פוילישע, און מען האט מיר געטרענט (געפארשט) - - צו זיי זענען איינגעשטאנען ביי מיר אין שטוב, צו זיי זענען געווען ביי מיר אין שטוב, נא וואס א נפקא מינה, עס פעלט וואס צו טאן? אזא תיק (קעיס), אזוי גראב!

זיי פלעגן גייען איבערגעטאן (פארשטעלט) – זיי פלעגן גיין אויפן ציון, איז געווען – א משה שמואל איז געווען ביי אונז, האט משה שמואל זיי געפירט אויפן ציון. (ווען מען האט אים געפרעגט:) 'משה שמואל – וואס טוסטו?' זאגט ער, 'גיי גיי, זיי ווילן זאגן די צען

---

[כ"א] עי' ליקוטי הלכות הלכות תפילין הלכה ו': שֶׁשָּׁמַעְתִּי מִפִּי אַדְמוּ"ר זַ"ל שֶׁכָּל מַה שֶּׁהָאָדָם מְנַתֵּק עַצְמוֹ מִמַּחֲשָׁבוֹת רָעוֹת לְמַחֲשָׁבוֹת טוֹבוֹת, וְכָל הַעְתָּקָה וַהֲזָזָה וּתְנוּעָה שֶׁהָאָדָם מֵזִיז וּמֵנִיעַ וּמַעְתִּיק עַצְמוֹ מֵרַע לְטוֹב, הַכֹּל מִתְקַבֵּץ בְּעֵת הַצָּרָה וְהַדֹּחַק וְעוֹזֵר לְהָאָדָם וְכוּ',

קאפיטלעך תהלים', ער איז געווען אן איש תם, (רמ"ב: א שפיאן (מרגל) פון זיי איז געגאנגען אויפן ציון?) זייערער פון די שדים, האט ער דארטן געזעהן די קוויטלעך וועלכע ליגן אויפ'ן ציון מיט אלצדינג, האבן זיי אלס איבערגערעדט (פאר'מסר'ט).

# געפארשט די "עבירה" פון שפייזן הונגעריגע אידן

מען האט ארויסגערופן אויף מיר מענטשן אויפצואווייזן אז איך בין געווען א (כלל טוער), האט מען משה שמואל'ן אויך גערופן. עס איז געווען דארטן א הונגער וואס עס זענען געפאלן צענדליגער טויזנטער מענטשן. בין איך געוואויר געווארן אז אין לאנדאן איז דא א קאמיטע וואס העלפט אידן – ספעציעל. האב איך אוועקגעשיקט א גרויסע רשימה פון עטליכע הונדערט מענטשן, איז אנגעקומען (פון לאנדאן פאר) יעדן מענטש, מעל און צוקער. יעניץ פעקל (איז עס) געווען, (עס איז) ממש געווען מחיה מתים! האבן זיי נאר געטרענט (געפארשט) 'ווער האט געשריבן די רשימה?' [איך האב געשריבן די רשימה] זיי וואלטן געקענט אפהאלטן די פעקלעך, אבער מען האט יא אפגעגעבן (די פעקלעך) דעמאלט, נאכדעם האבן זיי זיך באטראכט (חרטה געהאט) וואס האבן זיי געטאן?!

האט ער מיר געטרענט - דער מנהל, ער האט מיך איבערגעפרעגט אלעס, האב איך אים געענטפערט, אלץ פון הימל האט מען מיר אריינגעגעבן צו ענטפערן – איך האב געענטפערט צו דער זאך, אבער נישט דאס האט געהאלפן, דאס גוט ענטפערן, מען האט פון הימל געהייסן (לאזן פריי).

איז געווען, מען האט ארויסגערופן די אלע מענטשן וועלכע האבן דערהאלטן פון מיר פעקלעך, זיי זאלן עדות זאגן אז זיי האבן דערהאלטן, האב איך אויף איינעם געזאגט אז ער איז משוגע, אויף דעם אנדערן האב איך געזאגט, 'דער האט געמיינט אז דו וועסט אים שיסן'.

זאגט ער מיר אמאל, 'ער בענדער – איז אויך משוגע?' – ער האט שוין געהאט מודה געווען, זיי דערשרעקן דאך שטארק, אז ער האט מודה געווען אז ער און איך האבן געשריבן די רשימה, און עס איז געווען שוין זיין אונטערשריפט דארט, פרעגט ער מיך, 'ער איז אויך משוגע?!' זאג איך אים, 'ניין, ער איז א קלארער', זאגט ער, 'נו, איך וועל אים ארויסרופן'. ער האט מיר נישט דערציילט אז ער האט אונטערגעשריבן.

דערווייל בין איך ארוים) אויפ'ן הויף – (ווייל) אויף א צען מינוט לאזט מען דאך ארוים. האט ער ר' לוי יצחק ארויסגעשטעקט דעם קאפ פון פענסטער און זאגט מיר אז ער האט אונטערגעשריבן. אוי ווי, איך האב דאס דערהערט - - (האב איך מיך דערשראקן, ווייל איך האב זיי געזאגט אז ער איז נישט משוגע). האב איך אנגעשריבן א בריוו צו אים. ער זאגט מיר אז ווען ער דערמאנט זיך אין דעם בריוו ציטערט ער, די ערשטע זאך וואס איך האב אים געשריבן איז געווען: 'דו זאלסט וויסן אז דעם בריוו שרייב איך בדמעות שליש', אזוי ווי מען לאזט אונז ארוים (גיין) אין בית הכסא – נאר ווען זיי ווילן, און נישט ווען דו ווילסט, צען מינוט דורכ'ן טאג. דערווייל זאלן אלע אויסגיין. האב איך א קוק געטאן ביי אים אין צימער, איך האב געוואוסט וועלכע עס איז, עס איז געווען (א קליין פענסטער'ל) און עס איז געווען אויסגעהאקט (די שויבן), האב איך אריינגעווארפן דעם בריוו, און דער קאמענדאנט – דער וואס עס גייט ארום – דער שומר האט דערזעהן, ער האט נישט געוואוסט אז איך האב אריינגעווארפן א בריוו, נאר ער האט געמיינט אז איך האב גערעדט מיט אים, גייט ער צו צו מיר, זאגט ער מיר, ער גייט שוין צו מעלדן אז איך האב גערעדט מיט בענדער'ן. ממש איך האב אים גענומען בעטן – גיי, אלץ השי"ת העלפט, און ער (רלוי"צ) איז געזעסן נאר מיט איין גוי, דער גוי איז געווען דער מנהל פון בית הסוהר, נאר ער האט גענומען שוחד ביי ברוך (ר' געצע'ס), פון ברוך'ס מעשה, האט מען אים אראפגעזעצט (פון זיין פאסטן).

זיי האבן געזעהן אז ברוך קומט גאר אין מקוה אריין, ער לאזט אים ארוים, ער העלפט אים איינקויפן דארטן (לכך תפסוהו אותו בבית הסוהר).

ער (ר' לוי יצחק) האט איבערגעליינט דעם בריוו, איך האב אים געשריבן אז ער זאל וויסן אז אלעס וואס מען האט געלערנט פון יום הוולדו ביז היינטיגן טאג איז געווען נאר, מען זאל וויסן אז (ווען) עס פאסירט זיך, אין אזא צייט זאל מען וויסן ווי אזוי זיך נוהג צו זיין און וואס האסטו געטאן??!!"

# דעם גוי'ס עצה

אויף צו מארגנס גיי איך ווייטער אריבער אויף צען מינוט, – און דער גוי וואס איז געזעצן מיט אים, דער גוי איז געווען יענער גנב, (ווי פארשטענדליך) ווען מען מאכט מען דארטן פאר א מנהל פון (תפיסה)? א רויבער!

אבער דארטן (אז ער זיצט אויך יעצט) ווערט מען גוטע ברידער, האט ער געזעהן ווי לוי יצחק איז געווארן זייער צעקאכט פון דעם בריוו, פרעגט ער אים, 'וואס איז דאס?' האט ער אים דערציילט, זאגט ער אים, 'איך וועל דיר געבן אן עצה' - ווארט אויף אים, ער האט אים געגעבן אן עצה, און אויף מארגן, לאז איך ארויס דעם קאפ, זאגט ער (רלוי"צ): 'האלט זיך ביי דיינס, עס וועט שוין זיין אין ארדענונג'.

אז איך האב אים געזאגט אז ער מעג אים ארויסרופן - (אז) ער איז נישט משוגע, האט ער אים ארויסגערופן (ער זאל זיך שטעלן נעבן) מיר אין די אויגן, (אבער) איך טאר נישט רעדן מיט אים, נאר ער רעדט מיט אים און מיט מיר באזונדער, פרעגט ער: 'רויזן, דו האסט געשריבן - [די רשימה]?', זאג איך אים 'ניין!' פרעגט ער אים: 'בענדער, דו האסט געשריבן די רשימה?' זאגט ער: 'ניין!' גיט ער א שליס אויף דעם שופלאד (לעדל) און נעמט ארויס א פאפיר וואס ר' לוי יצחק האט גע'חתמ'ט 'אני החתום מטה - אויף רוסיש, אז איך און רויזן האבן געשריבן. זאגט ער: 'עס איז דיין חתימה?' זאגט ער, 'יא.' (פרעגט ער) וואס איז דאס? דאס האט אים דער גוי געלערנט וואס ער זאל ענטפערן, זאגט ער אים, 'ער זאל וויסן ער קען עס מברר זיין ביי די דאקטוירים, אז ער ליידט אויפ'ן - מען האט אים געמאכט אן אפעראציע - מען האט אים ארויסגענומען א שטיין אזוי גרויס ווי אן איי, און ווען ער באקומט אן אטאקע (התקף), ווייס ער נישט וואס מען רעדט צו אים, (האט ער געזאגט) 'דעמאלט האב איך געהאט אן אטאקע, האב איך נישט געוואוסט וואס דו רעדסט צו מיר (דעריבער) האב איך גע'חתמ'ט'. איך האב געמיינט, אז דער גוי ווערט צעזעצט (פון) אלצדינג אפשרייבן, ער מוז אלצדינג אפשרייבן וואס מען רעדט. (על כל פנים) דאס איז געווען דער תירוץ וואס דער גוי (המנהל) האט אים געלערנט.

שוין אזוי איז דאס, (איר) פארשטייט? אזוי העלפט השי"ת, אזוי פירט זיך, און אזוי גייט זיך.

(איך בין געקומען צו פארן אהער (אין ארץ ישראל) שרייבט ער, ר' נתן שטערנהארץ - האט געשריבן צום פאטער, עס איז געווען ר' אברהם דא, שרייבט ער אים א בריוו - זיי האבן דארטן געהערט אז אונזער שיף איז דערטרונקען געווארן - שרייבט ער אים - ער האט מיר געגעבן איבער צוליינען דעם בריוו - חבל על דאבדין ולא משתכחין, דער בעל דבר האט גוט געלאקערט ווייזט אויס, אה).

(רמ"ב: ווי אזוי האט מען אייך ארויסגעלאזט פארן משפט?) ווער האט ארויסגעלאזט? זיי האבן דען ארויסגעלאזט? מען האט פון הימל געזאגט, 'פאר!' (דאן) האט נישט געהאלפן קיין שום מעשיות!

איך בין געווען איינגעשריבן אלס אן איינוואוינער אין מאסקווע, האט אויך איינער (זיך) איינגעשטעלט פאר מיר דאס לעבן, ער האט מיך איינגעשריבן דארטן, און איך האב דערלאנגט (א ביטע ארויסצופארן), עס האט געהייסן פון מאסקווע, פארשטייסט? עס האט גארנישט געוואוסט איינער פון אנדערן, (רמ"ב: זענט איר געקומען אהער מיט דער גאנצער משפחה?) יא, ערב שבועות תרצ"ו (עיי"ש עוד).

(כאן מספר ר' אליהו חיים עוד פרטים אודות נסיעתו לאר"י)

# אן הכנה צו ארץ ישראל

זיי (די חוקרים) האבן דאך ארויסגערופן אסאך (אויג קענן אויג[כ"ב] - להעיד), האבן זיי ארויסגערופן מתת'ן, ביי מתת'ן האב איך געזעהן ממש א נס נורא ונפלא, מתתי' איז געווען אן איש תם, מתתי' איז געווען אזא - א בעל מופת גדול, האט מען אים געפרעגט, 'דו ווייסט פארוואס רויזן זיצט?' זאגט ער, 'ער ווייסט נישט' -ביי אים האט מען געשטעלט א מתורגמן, ער זאל אים פארטייטשן - זאגט מען אים, 'רויזן זאגט אז מען האט אים געשיקט אסאך געלט סיי פון רוסלאנד און סיי פון חוץ לארץ. און ער ווייזט אז ער האט עס צעטיילט, און מיר זענען אים חושד אז ער איז א גנב און ער האט געזאגט אז ער פלעגט דיר געבן אלע חודש - (עס איז געווען א ליגן) איך האב דאס גארנישט אנגעהויבן צו זאגן. אז מתתי' האט דאס געהערט, (דאן ווען מען האט אים געפרעגט) וויפיל האב איך אים געגעבן, האט ער געזאגט אפאר - ער האט געמיינט אז דאס איז די ישועה מיינע, איז דער לעצטער 'אויג אויף אן אויג' איז ער געווען, טאר איך דאך אויך נישט רעדן מיט אים, אבער האלב צוועלף ביינאכט דעמאלט מעג איך שוין רעדן, (און איך האב געזעהן ווי) אים לאזט מען אויף דער פריי, און מיר פירט מען שוין - שטייען שוין צוויי שדים צום בית הסוהר, זאג איך אים, 'מתתי' - דאס איז דאס?' זאגט ער מיר, 'מען ווייס גארנישט, עס קען זיין עס איז אן הכנה צו ארץ ישראל!' דאס

[כ"ב] די אויגן פון דעם עדות קעגן די אויגן פון דעם באשולדיגטן.

האט ער מיר געזאגט, אבער זיינע רייד האבן מיר גארנישט פרייליך געמאכט (ווייל איך האב געטראכט אז) דערווייל גיי איך אין בית הסוהר און ער גייט אהיים.

(אבער) אזוי האט ער מיר געזאגט, מען וויים גארנישט, עס קען זיין עס איז א הכנה צו ארץ ישראל, און אזוי איז געווען!

(רמ"ב: איר האט שוין געוואוסט אז איר באקומט א פאס קיין ארץ ישראל?) ניין, איך האב געוואוסט אז מען פירט מיר אין בית הסוהר. ווען איך בין ארויסגעגאנגען פון בית הסוהר פריי, דעמאלט האב איך דערהאלטן א בריוו פון מאסקווע.

(אחד הנוכחים: נסים ונפלאות) וואס רעדסטו?! אזא גאנצע בערגל, צו דאס דערציילן דארף איך זיצן דריי נעכט און דריי טעג, וואס איך האב גערעדט און וואס מען האט מיר געפארשט.

ער האט מיר געמאכט מיטן פינגער דער גוי דער חוקר, דו וועסט שוין נישט פארן דארטן – וואס דו האסט געטראכט (לא"י).

ער האט געוואוסט אז איך וויל פארן קיין ארץ ישראל, מען האט דאך איבערגעגעבן אלע פאפירן, מען האט דאך געמאכט א חיפוש ביי מיר אין שטוב!

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מוה"ר **יעקב זאב בארזעסקי** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל שמחת
**הולדת בתו למזל טוב**

מוה"ר **מרדכי רובינסאן** הי"ו
לייקוואוד יצ"ו
לרגל שמחת
**הולדת בתו למזל טוב**

מוה"ר **יעקב בעריש ווייס** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל שמחת
**הולדת בנו למזל טוב**

מוה"ר **רפאל כהן** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל שמחת נישואי בנו
החתן כמר **אברהם יצחק** נ"י
למזל טוב

מוה"ר **נחמי' ווייס** הי"ו
בארא פארק יצ"ו
**לרגל שמחת נישואי בתו**
עם החתן כמר **שמואל ראטה** נ"י
החתונה יתקיים ביום ד' ויחי הבעל"ט

מוה"ר **אשר מרדכי פריעדמאן** הי"ו
ווילאמסבורג יצ"ו
לרגל שמחת
**הולדת בתו למזל טוב**

מוה"ר **אברהם דוד שווארץ** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
לרגל שמחת הכנסת בנו
כמר **משה יודא** נ"י
לעול התורה והמצוות

לעילוי נשמת מרת **רוחמה שרה** ע"ה ב"ר **יצחק** הי"ו י"ב שבט תשע"ט תנצב"ה